א. מ'האט חוין געהערט כמה פעמים אז יעדער ענין בחורה איז [אן ענין פון "תורה", ד.ה.] א הוראה (זח"ג נג, ב. גו"א ר"פ בראשית בשם הרד"ק), אן קיין אונטערשייד צי דאס שטייט בלשון הוראה אדער אן אנזאג אדער א מצוה, צי דאס שטייט בלשון סיפור - ווארום אפילו א סיפור בחורה איז אויך א הוראה.

ווי די גמרא איז דאס אויך מרמז: די גמרא (מגילה יד, א) זאגט אז "הרבה נביאים עמדו להם לישראל כפליים כיוצאי מצרים" [כפליים פון ששים רבוא], און זיי זיינען אלע געווען נביאי אמת - ווארום די גמרא רעדט דאך וועגן נביאים אמיתיים וועלכע האבן געזאגט אמת'ע נבואות, און אעפ"כ האט מען פארשריבן בלויז מ"ח נביאים און ז' נביאות, און די גמרא איז מסביר אז "נבואה שהוצרכה לדורות נכהבה", ד.ה. אז פון אלע נבואות האט מען פארשריבן און ארייגעשטעלט אלס א חלק פון תורה, נאר די נבואות וואס "הוצרכה לדורות"; ד.ה. אז דאס איז א הוראה לדורות.

אזוי איז דאס אויך בנוגע די סיפורים פון תורה: ניט אלע סיפורים שטייען אין תורה, איז דאך מובן אז די סיפורים וועלכע זיינען ארייגעשטעלט געווארן אין תורה און זיינען געווארן א חלק פון תורה, זיינען זיי א הוראה לכל הדורות כולם עד סוף כל הדורות, ווארום "והתורה היא נצחית" (תניא פי"ז).

דאס איז דער אלטער רבי אויך מדגיש אין תניא, און גלייך אין התחלת התניא, אין דעם שער-בלאט, זאגנדיק אז דאס איז "מיוסד על פסוק כי קרוב אליך הדבר מאד בפיך ובלבבך לעשותו, לבאר איך הוא קרוב מאד" צו יעדן אידן - אע"פ אז כשה רבינו האט דאס געזאגט צו זיין דור, דור דעה, אז ביי זיי איז דאס "קרוב אליך" - אבער וויבאלד אז דאס איז א פסוק אין תורה, איז דאס א הוראה אויף אלע דורות, אז פאר אלע אידן במשך כל הדורות ביז בדורנו זו שבגלות חשך כפול ומכופל, איז "קרוב אליך הדבר מאד", ווארום כנ"ל איז יעדער ענין בחורה א הוראה לדורות.

עפ"ז איז אויך פארשטאנדיק בנוגע די סיפורים שבחורה, אז יעדער סיפור איז א הוראה, און פון יעדער סיפור דארף מען אפלערנען לכל הדורות, "עד הים האחרון - עד היום האחרון" (ברכה לד, ב ובפרש"י שם); און דאס איז א הוראה לכל אחד ואחד מישראל שבכל הדורות, ווארום צו יעדער איד האט מען געגעבן די גאנצע תורה, וואס דערפאר שטייט גלייך אין אנהייב עשה"ד "אנכי הוי' אלקיך וגו'" בלשון יחיד, ווייל מ'האט געגעבן די גאנצע תורה לכל אחד ואחד מישראל.

דאס איז ניט קיין סתירה צו דעם וואס מ'זאגט "ותן חלקנו בתורתך", אז יעדער איד האט זיין חלק בתורה, אדער ווי עס שטייט אז יעדער איד האט זיין אות בתורה ווי מ'זאגט "יש ששים רבוא אותיות להורה" (מגלה עמוקות אופן קפו) פאר יעדערן פון די שש"ר אידן - ווארום דער פירוש אין דעם איז אז יעדער איינער האט זיין חלק אדער זיין אות בתורה וואס דורך דעם נעמט ער די גאנצע תורה; ע"ד ווי עס שטייט אין אגה"ק (סי' ז') אין דעם ענין פון "במאי הוי זהיר טפי" (שבת קיח, ב), אז אט די ספיציעלע מצוה איז זיין שער דורך וואס ער נעמט אלע מצות, (ווארום ס'איז זיכער אז יעדער

- איינער -



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"א א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 385 הודפס ע"י או

איינער איז מחויב בכל המצות, נאר אט די איין מצוה איז א צנור און א שער וואס ע״י ז נעמט ער אלע מצות; איז אזוי אויך בנוגע תורה, אז יעדער איד האט זיין חלק אדער זיין אות בתורה וואס ע״י ז נעמט ער כל התורה כולה.

ע״ד ווי דאס איז אין דער עבודה פון די אבות: יעדער איינער פון די אבות האט געהאט זיין עבודה מיוחדת, אויף אברהם׳ן שטייט (ישעי׳ מא, ח) "אברהם אוהבי", אז זיין עבודה איז געווען אין קו פון גמ״ח, און די עבודה פון יצחק איז געווען אין חפירת בארות, און די עבודה פון יעקב איז געווען מיט די מקלות, און אין לימוד התורה, און צוזאמען דערמיט זאגט מען (יומא כח, ב. וראה קידושין פד, א) "קיים אברהם אבינו כל התורה כולה (עד שלא ניתנה) וכו׳ אפילו עירובי תבשילין", אז אברהם אבינו האט מקיים געווען <u>כל</u> התורה כולה, ביז אפילו די ענינים וואס זיינען מדרבנן אזוי ווי עירוב תבשילין, און אויך יצחק האט מקיים געווען כל התורה כולה, און אויך יעקב,

– איז די הסברה בזה, אז יעדערער פון די אבות האט געהאט זיין עבודה מיוחדת, וואס דורך דער עבודה האט ער גענומען כל הת התורה כולה: אברהם אבינו האט גענומען כל התורה ע״י עבודתו אין דעם קו פון גמ״ח, יצחק האט גענומען כל התורה דורך זיין עבודה מיוחדת, און יעקב האט גענומען כל התורה כולה דורך זיין עבודה מיוחדת.

אזוי אויך בענייננו: צו יעדער אידן האט מען געגעבן די גאנצע תורה, וואס דערפאר איז יעדער ענין און יעדער סיפור בתורה א הוראה לכל אחד ואחד, נאר יעדער איד האט זיין חלק אדער זיין אות בתורה וואס דורך אט דעם חלק און דורך אט דעם אות נעמט ער די גאנצע תורה.

דערפון איז פארשטאנדיק אויך בנוגע די סיפורים פון היינטיקע פרשה, פרשת וארא, אז דאס איז א הוראה פאר אלע אידן במשך כל הדורות כולם, אויך פאר אידן בדורנו זו האחרון.

היינטיקע סדרה הייבט זיך אן "וידבר אלקים אל משה ויאמר אליו אני ה׳, וארא אל אברהם אל יצחק ואל יעקב וגו׳"; ווארום עס איז געווען א שקלא וטריא צווישן דעם אויבערשטן און משה רבינו, און דער אויבערשטער "דבר אתו משפט" (פרש״י ד.ה. אז דער אויבערשטער האט גערעדט מיט משה רבינו שווערע רייד און שארפע רייד) אויף דעם וואס ער האט געפרעגט "למה הרעותה לעם הזה" (שמות ה, כב), וואס דערפאר האט ער אים געזאגט "חבל על דאבדין ולא משתכחין וכו׳"; און פון אט דער שקלא וטריא צווישן דעם אויבערשטן און משה רבינו דארף יעדער איד אפלערנען א הוראה; און וויבאלד אז רש״י ברענגט דאס בפירושו על התורה איז פארשטאנדיק אז דאס איז מובן ופשוט אפילו פאר א בן חמש למקרא, ועאכו״כ ווי עס קומט צו אין דעם ענין הרחב און ביאור ע״פ מדרשי חז״ל.

אבער לכאורה איז דאס א סתירה: ווי אזוי זאגט מען אז פון דעם וואס דער אויבערשטער האט גערעדט מיט משה רבינו דארף יעדער איד אפלערנען א הוראה – ווי קען מען זיך גלייכן צו משה רבינו? ס׳איז דאך פאראן דער דין אין שו״ע אין הלכות כבוד רבו ות״ח (יו״ד סי׳ רמב סעי׳ לו) "האומר לחבירו איני מקבל ממך אם היית כמשה רבינו, מלקין אותו משום בזיון" ד.ה. אז עס קומט אן עונש אויף דעם וואס ער האט געזאגט "אם היית כמשה רבינו", ווייל קיינער קען ניט

- זיין -

<u>הנחת הת׳ בלתי מוגה</u>



הדפסה ברזולוציית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל״א א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 386 הודפס ע״י

זיין ווי משה רבינו, ווי עס שטייט (ברכה לד, י) "ולא קם וגו׳ כמשה" (ראה פ"ז שם), וואס וויבאלד אז תורה זאגט "ולא קם וגו׳" קען קיינער ניט זיין אזוי ווי משה רבינו, ובמילא טאר קיינער ניט גלייכן זיך צו משה רבינו; וואס דערפאר געפינט מען אז בשעת מ׳דארף זיך גלייכן צו אימעצן, זאגט מען יהושע בן נון, ווי די גמרא זאגט (חולין קכד,א) "אי אמר לי יהושע בן נון משמי׳ לא צייתנא לי׳", ווארום צו משה רבינו טאר מען זיך ניט גלייכן, גלייכט מען צו יהושע בן נון וואס ער איז געקומען גלייך נאך משה רבינו.

איז לפי"ז ניט פארשטאנדיק: ווי קען מען זאגן אז דאס וואס דער אויבערשטער האט גערעדט מיט משה רבינו איז א הוראה לכל אחד ואחד?

געפינט מען אבער אז אזוי זאגט די גמרא בפירוש אין ברכות (לג, ב): אויפ׳ן פסוק (עקב י, יב) "מה הוי׳ אלקיך שואל מעמך כי אם ליראה", פרעגט די גמרא "אטו יראת שמים מילתא זוטרתא היא" און די גמרא ענטפערט "אין, לגבי משה מילתא זוטרתא היא", וואס דאס הייסט אז ס׳איז א מילתא זוטרתא פאר אלע אידן דערפאר וואס לגבי משה איז דאס א מילתא זוטרתא, ווארום דאס וואס לגבי משה איז יראה א מילתא זוטרתא, דאס גיט א כח אז פאר אלע אידן זאל דאס אויך זיין א מילתא זוטרתא.

און ווי דער אלטער רבי [וואס היינטיקער שבת איז דער שבת וואס נאך זיין יום הילולא] איז דאס מבאר אין תניא (פרק מב) אז ביי יעדער אידן איז פאראן בחי׳ משה שבו, און לגבי די בחי׳ פון משה שבנשמתו איז דאס א מילתא זוטרתא, און מ׳מוז זאגן אז די בחי׳ פון משה שבו שטייט ביי עם בגילוי, און ניט בלויז אז דאס איז ביי עם פאראן בשרש ומקור פון זיין נשמה (און ביי אים אליין איז עס בהעלם), ווארום אויב דאס וואלט געווען בהעלם און מ׳וואלט געדארפט האבן אן עבודה ויגיעה דאס צו מגלה זיין [ד.ה. אז עס וואלט געווען א מילתא רבתי דאס צו מגלה זיין], איז דאך ווייטער ניט שייכות צו זאגן אז יראה איז א מילתא זוטרתא, איז דערפון די הוכחה אז די בחי׳ פון משה שבו איז נאך ווייניקער מילתא זוטרתא אדער עכ"פ גלייך צו די יראה אליין - וואס דערפאר קען מען זאגן אז פאר אלע אידן איז יראה א מילתא זוטרתא.

לפי"ז, וויבאלד אז ביי יעדער אידן איז פאראן בחי׳ משה שבו, קען ער דערפאר אפלערנען א הוראה פון דעם וואס דער אויבערשטער האט גערעדט מיט משה רבינו, ווארום דאס איז א לימוד אויף פאר עם, מצד בחי׳ משה שבנשמתו.

און דאס וואס מ׳טאר זיך ניט גלייכן צו משה רבינו, מיינט דאס צו משה רבינו בכללות, ווייל קיינער קען ניט זיין אזוי ווי משה רבינו בכללות, ד.ה. אין אלע זיינע ענינים, אבער ביי יעדער איד איז פאראן א פרט אין וואס ער איז גלייך צו משה; אזוי ווי די גמרא (שבת קא, ב וש"נ) זאגט "משה שפיר קאמרת", אז בשעת איינער האט געזאגט אן ענין בתורה האט מען עם גערופן משה, אע"פ אז ניט דאס איז געווען זיין נאמען, נאר ער האט געהאט אן אנדער נאמען, אעפ"כ האט ער עס גערופן משה ווייל אין ענין פון תורה איז ער פונקט ווי משה רבינו; ולכאורה איז דאס ניט פארשטאנדיק: משה רבינו איז דאך געווען דער וואס "קבל תורה מסיני ומסרה וכו׳" ער האט מקבל געווען די תורה פון דעם אויבערשטן, איז ווי קען מען

- זאגן -



הדפסה ברזולוציית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"א א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 387 הודפס ע"י א

זאגן אז אין דעם ענין פון הורה איז ער פונקט ווי משה? נאר דער פשט איז, אז אין דעם פרט בחורה וואס ער האט געזאגט איז ער אזוי ווי משה רבינו, אבער ניט אז בכללות ענין התורה איז ער פונקט ווי משה רבינו.

עד"ז בענינגו: בכללות קען מען זיך טאקע ניט גלייכן צו משה רבינו, אבער יעדער איד האט א פרט מיט וואס ער איז אזוי ווי משה רבינו, וואס דערפאר זאגט מען אז לגבי עס הייסט יראה א מילתא זוטרתא; און דערפאר קען ער אויך אפלערנען א הוראה אין זיין עבודה פון דעם וואס דער אויבערשטער האט גערעדט מיט משה רבינו.

אין היינטיקע פרשה איז ניט פארשטאנדיק: ער דערציילט אז דער אויבערשטער האט געהאט א טענה צו משה רבינו אויף דעם וואס ער האט געפרעגט "למה הרעותה לעם הזה", און ער האט עס געזאגט אז ער איז ניט ווי די אבות וואס "לא הרהרו אחרי מדותי" משא"כ משה האט גלייך געפרעגט "למה הרעותה וגו'" - ולכאורה איז אין די טענה אליין סוין פאראן דער תירוץ, ווארום דער אויבערשטער האט דאך געזאגט משה'ן "וארא אל אברהם אל יצחק ואל יעקב וגו'", איז ווי קען מען מאנען אז ער זאל זיין גלייך ווי אברהם יצחק און יעקב? - ער האלט ניט ביי זייער מדריגה?!

ובפרט לויט ווי רש"י זאגט "וארא - אל האבות", וואס מיט דעם מיינט רש"י צו זאגן [ווארום מפרשים שטעלן זיך אויף דעם, וואס וויל דא רש"י זאגן] אז דאס וואס אברהם יצחק ויעקב "לא הרהרו אחרי מדותי", איז דאס ניט מצד זייער פרטיות'דיקע מעלה און עבודה, וואס דעמאלט וואלט משה געקענט ענטפערן אז ער האט אן אנדער עבודה, און ניט דאס איז זיין עבודה, (פונקט ווי בא די אבות גופא האט יעדערער געהאט זיין פרטיות'דיקע עבודה), נאר דאס איז געווען מצד דעם ענין וואס זיי זיינען געווען "אבות", און וויבאלד אז "לא הרהרו אחרי מדותי" אלס אבות, דארף זיין די זעלבע עבודה ביי זייערע בנים, ווארום אן אב איז מוריש לבנו זיינע ענינים, ווי די משנה רעכנט אויס אין עדיות (פ"ב מ"ט) די פינף ענינים וואס האב זוכה לבן - "בנוי וכו' בחכמה וכו'"; דערפאר איז דער אויבערשטער געקומען מיט א טענה צו משה רבינו אז וויבאלד ביי די אבות "לא הרהרו אחרי מדותי", דארף דאס זיין ביי משה'ן אויך.

אבער פון דעם גופא וואס די טענה איז געווען מצד דעם וואס ער האט גע'ירש'נט פון די אבות - ווערט עס ניט מובן: עס איז דאך פארשטאנדיק אז די ענינים ווי זיי זיינען ביים אב זיינען שלא בערך העכער ווי זיי זיינען פאראן ביים בן, און דאס וואס די גמרא (זבועות מח, א) זאגט אז "יפה כח הבן מכח האב", איז דאס א חידוש, ווארום בפשטות זיינען די ענינים ווי זיי שטייען ביים מוריש א סך העכער ווי זיי קומען דערנאך אן צו דעם יורש; און בכדי איינער זאל איבער געבן א צווייטן אלע ענינים פונקט ווי ער האט דאס ביי זיך, דארף מען אויף דעם האבן אן ענין למעלה מדרך הטבע, וואס דערפאר דארף די גמ' (ב"ב סה, א) האבן א לימוד מיוחד אז דער יורש איז עומד במקום המוריש, מיט א ראי' פון א פסוק (תהלים מה, יז) "תחת אבותיך יהיו בניך", ווארום בפשטות איז דער אב א סך העכער פונעם בן, און ווי דער לשון המובא בשם חז"ל (ראה עירובין ע, ב. רש"י ד"ה כבע"ח - כתובות צב, א) "ברא כרעא דאבוה", אז דאס איז טאקע "כרעא דאבוה", אבער דאס איז בלויז "כרעא דאבוה", וואס א כרעא איז ניט דער אדם בשלימות.

- במילא -

הנחת הת' בלתי מוגה



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"א א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 388 הודפס ע"י

במילא, וויבאלד אז דער אויבערשטער אליין זאגט "וארא אל האבות", אז זיי זיינען געווען אבות, איז ווי קען מען דערנאך מאנען ביי משה רבינו, וואס ער איז פון די בנים, אז ער זאל ניט מהרהר זיין אחרי מדותיו של הקב"ה פונקט ווי עס איז געווען ביי די אבות? די אבות זייגען דאך א סך העכער פאר די בנים? ואדרבא, פון דעם אליין וואס די גמרא זאגט "יפה כח הבן מכח האב" איז (ניט נאר קיין ראי' ניט אז אזוי איז עס בד"כ, כנ"ל, נאר פון דארט איז) א ראי' אז בכלל איז ניט אזוי – ווי עס איז מוכרח פון דעם וואס די גמרא זאגט עס אלס חידוש.

איז דער ביאור אין דעם: וויבאלד אז דער "וארא" איז געווען אל אברהם אל יצחק ואל יעקב – ווי רש"י זאגט – מצד דעם וואס זיי זייגען אבות, ד.ה. אז די התגלות צו זיי איז געווען לכתחלה דערפאר וואס זיי זיינען אבות פון די בנים, במילא איז עס געווען מלכתחלה ע"מ אז דער ענין זאל דערנאך אראפקומען – פונקט ווי עס איז ביי זיי – צו די בנים, אז זיי זאלן מוריש זיין דעם ענין לבניהם – איז פארשטאנדיק אז אויב דאס איז דערנאך ניטא ביי דעם בן, איז דער חסרון מצד הבן, ווארום מ'קען ניט זאגן אז ס'איז געווען א חסרון און ס'האט עפעס געפעלט אין דער עבודה פון אברהם אבינו וכו' אז ער האט ניט אויסגעפירט וואס ער האט געדארפט.

במילא וויבאלד די התגלות צו זיי איז לכתחלה געווען אז זיי זאלן דערנאך דאס איבערגעבן צו די בנים, איז א זיכערע זאך אז זיי האבן אזוי געטאן, און דאס וואס עס איז ניט געווען אזוי ביי משה'ן מוז מען זאגן אז די מניעה איז מצד הבן, אז עבודת הבן איז ניט בשלימות; וואס דערפאר "דבר אחר משפט", און דער אויבערשטער האט געזאגט משה רבינו "חבל על דאבדין ולא משתכחין", ווייל דאס וואס בא אים פעלט דער "לא הרהרו אחרי מדותי" ווי עס איז געווען ביי די אבות, איז זיין חסרון – ווארום ער האט דאס זיכער בירושה, נאר ער האט דאס ניט ארויסגעבראכט בגלוי אין א בפועל און אין א מעשה און אין א הנהגה בפועל.

דאס איז דער ביאור הענין בנוגע צו משה רבינו; עס בלייבט דאך אבער ניט פארשטאנדיק, וואס איז די הוראה וואס כל אחד ואחד דארף דערפון אפלערנען בעבודתו? ואדרבא: וויבאלד אז אפילו ביי משה רבינו איז ניט געווען דער ענין, וואס דערפאר האט מען געהאט צו עס א טענה, [און דאס איז געווען א טענת אמת], ווי קען מען דאס מאנען ביי יעדער איינעם מצד בחי' משה שבכל אחד ואחד; און ווי קען מען דאס אפילו מאנען ביי דעם משה שבכל דור ודור (וואס "אתפשטותי' דמשה בכל דרא ודרא" (ת"ז תס"ט (קיד, א) וראה ב"ר פנ"ו, ז))

[וואס דאס זיינען צוויי באזונדערע זאכן, ווי דער אלטער רבי אין תניא (פמ"ב) איז דאס מחלק, אז ס'איז דא בחי' משה ביי אלע אידן, און עס איז דא דער אתפשטותי' דמשה בכל דרא ודרא, בחי' משה וואס איז זיך מתלבש אין די חכמי הדור עיני העדה שבכל דור ודור וואס זיי זיינען די נשיאי הדור],

דלכאורה, וויבאלד אז ביי משה רבינו איז ניט געווען אט דער ענין, איז עס צו אנדערע זיכער ניט שייך; ובמילא: וואס איז די הוראה וואס יעדערער דארף דערפון אפלערנען בעבודתו? – וכפי שיתבאר לקמן.

- ב. עס איז -

הנחת הת' בלתי מוגה



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"א א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 389 הודפס ע"י או

ב. עס איז ידוע דער סיפור וואס כ"ק מו"ח אדמו"ר האט דערציילט וועגן דעם בעש"ט און דעם מגיד, [וואס דער סיפור איז שוין אפגעדרוקט (בקובץ מכתבים שבסו"ס תהלים ע' 197)] בנוגע משה רבינו וואס ער האט געלערנט מיט היגוקות יל בית רבן דעם פסוק (לך יז, יז) "ויפל אברהם על פניו ויצחק" וואס לכאורה איז דאס ניט מובן: ווי איז דאס שייכות צו זאגן אויף אברהם אבינו? און ער האט מסביר געווען אז מצד הגוף האט געקענט זיין אפילו ביי אברהם אבינו דער "ויצחק".

[וואס דאס איז אויך א הוראה פונקט ווי אלע סיפורים אין תורה, אז מ'זאל וויסן אז מ'דארף זיין אפגעהיט אפילו פון אזא צחוק ווי עס איז געווען ביי אברהם (ושרה), אפילו פון אן ענין וואס קען זיין נאר מצד הגוף],

פון דעם איז מובן אז פונקט ווי עס איז ביי אברהם (ושרה), עד"ז איז געווען ביי משה רבינו אויך, אז מצד הגוף האט געקענט זיין אז ער זאל פרעגן "למה הרעותה", און ער זאל מהרהר זיין אחרי מדותיו של הקב"ה - וכאמור, איז דאס א הוראה אז אפילו פון אזא ענין וואס עס איז געווען ביי משה רבינו נאר מצד הגוף, דארף מען אויך זיין אפגעהיט.

אבער ביי משה רבינו איז געווען נאך אן ענין וואס צוליב דעם האט געקענט זיין אז ער זאל פרעגן "למה הרעותה", נוסף אויף דעם וואס מצד הגוף האט דאס געקענט זיין: משה רבינו איז נתגדל געווארן בבית פרעה.

מצד הלידה איז משה רבינו טאקע געווען בתכלית השלימות: זיין פאטער איז געווען עמרם, ווי מ'האט שוין פריער געלערנט אין פ' שמות (ב, א) "וילך איש מבית לוי ויקח את בת לוי"; און עמרם איז געווען דער גדול הדור (סוטה יב,א) - און ניט סתם א גדול הדור, נאר (רמב"ם הל' מלכים פ"ט ה"א) על ידו איז נתחדש געווארן א מצוה, (די מצוה פון ליקוחין), וואס צווישן די נשיאי הדור במשך פון אלע דורות זיינען געווען נאר געציילטע וואס בזמנם זיינען נתחדש געווארן מצות, און איינער פון זיי איז געווען עמרם, וואס ער איז נצטוה געווארן אין נאך א מצוה, פונקט ווי אברהם יצחק און יעקב, ווי דער רמב"ם (שם) רעכנט אויס די מצות שנתוספו ע"י אברהם יצחק ויעקב - וואס דאס ווייזט אויף די גדלות פון עמרם'ן;

און אויך יוכבד זיין מוטער איז געווען א מיוחסת, וואס נוסף אויף דעם וואס זי איז געווען בת לוי, האט מען איר אויך מייחס געווען צו עמרם'ן ווי עס שטייט (וארא ו, כ) "יוכבד דודתו",

זעט מען אז מצד זיינע עלטערן איז משה רבינו געווען בשלימות; און אזוי אויך בשעת זיין הולדה איז "נתמלא הבית כולו אורה" (סוטה שם. פרש"י שמות ב, ב) ד.ה. אז נאך פאר דעם וואס ער האט געטאן עפעס א פעולה, פאר דעם וואס ער האט געטאן זיין עבודה, - ער איז נאר אריינגעקומען אין וועלט - איז שוין געווען "נתמלא הבית כולו אורה".

דאס איז אבער אלץ מצד די הולדה, אבער דערנאך איז ער נתגדל געווארן בבית פרעה, און ער האט זיך אויפגעהאדעוועט בבית פרעה, ווי עס שטייט (שם, י) "ויגדל הילד ותביאהו לבת פרעה". נאך מער: זיין "ויגדל" בא פרעה'ן איז געווען ניט נאר בגשמיות, נאר אויך

- ברוחניות -

הנחת הת' בלהי מוגה



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"א א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 390 הודפס ע"י

ברוחניות, ווי רד"י טייטשט/אויך "ויגדל משה" (שם, יא) אז פרעה האט עם ממנה געווען על ביתו.

וואס פון דעם איז מובן אז זיין השפעה רוחניות וחכמה וכו׳ איז געווען פון מצרים,

ווארום פרעה איז דאך געווען דער מלך מצרים, און אין מצרים איז דאך געווען דער ענין פון חכמה, וכידוע אז חכמת מצרים איז איינע פון די טיפסטע חכמות [טאקע הכמה דלעו"ז, אבער חכמה], ביז אז חכמת מצרים איז איינע פון די גרעסטע חכמות אין דער גאנצער וועלט, ביז אז בשעה דער פסוק וויל זאגן די מעלה פון חכמת שלמה שטייט (מלכים מה, י) "ותרבה חכמת שלמה וגו׳ ומכל הכמת מצרים"; וואס דערפון איז פארשטענדיק אז בשעת פרעה האט ממנה געווען מש׳ן על ביתו, איז דאס ניט נאר געווען בנוגע ענינים גשמיים, נאר דאס איז אויך געווען בנוגע חכמת מצרים - קומט אויס אז משה רבינו איז געווען פארטאן אין חכמת מצרים,

אעפ"כ זעט מען, אז אפילו נאך דעם וואס "ויגדל משה", איז גלייך בשעת "ויצא אל אחיו", איז "וירא בסבלותם", אז ער האט געהאט צער פון די צרות וואס אידן האבן געהאט, ביז אז ער האט צוליב דעם געהרג׳ט א מענטשן, וואס א ב"נ איז מחוייב מיתה אויב ער הרג׳ט א מענטשן באיסור (רמב"ם הל׳ מלכים פ"ט ה"ד), און ווי ס׳שטייט אין חומש (שם, טז) ובמדרשים אז פרעה האט עם טאקע געוואלט הרג׳נען, וואס דערפאר האט ער געדארפט אנטלויפן; און ווייסנדיק חכמת מצרים האט מ׳ה רבינו זיכער פארשטאנען די סכנה וואס איז פארבונדן מיט דעם - און אעפ"כ האט ער זיך מוסר נפש געווען פאר א צווייטן אידן, [וואס ראס האט גע׳פועל׳ט אז דערנאך איז ער אנטלאפן און עס איז געווען די התגלות מתוך הסנה, וואס דאס האט געבראכט די גאולה פון אידן].

ולכאורה: משה רבינו האט געלעבט זיינע שנים בקטנות און כמה שנים בגדולות אין בית פרעה מלך מצרים - און פרעה איז דעמאלט געווען דער מולך בכיפה - דער מלך אויף דער גאנצער וועלט, איז וואס פאר א שייכות האט ער מיט די וואס זיינען פארבונדן מיט עבודת פרך? און פונדעסטוועגן זעט מען אז גלייך ווי "ויצא אל אחיו" ער איז נאר ארויס פון בית פרעה, איז שוין געווען "וירא בסבלותם", אז ער האט געוואוסט אז זיין ענין איז אז ער דארף א טובה טאן א אידן.

דאס איז א הוראה לכל אחד ואחד, אז בשעת מ׳פועל׳ט אויף א תינוק שנשבה בין עכו"ם, [וואס דאס איז א חלק חשוב פון אידן בדורנו זה], אז ער זאל האבן עפעס א שייכות צו אידישקייט, קען מען פון עם מאנען גלייך אז ער זאל זיך מוסר נפש זיין פאר אידישקייט, און מוסר נפש זיין פאר א צווייטן אידן, ניט קוקנדיק וואס ער קען טענה׳ען אז כל ימיו האט ער זיך אויפגעהאדעוועט בין העכו"ם, און ער איז ערשט יעצט ארויס פון שבי׳ מבין העכו"ם, איז וואס מאנט מען פון עם אז ער זאל זיך שוין מוסר נפש זיין פאר אידישקייט און פאר א צווייטן אידן, אוז אז ער זאל פילן אז דאס איז זיין גאנצער לעבן?

זאגט מען עם אז אזוי איז געווען ביי מ׳ה רבינו, איז ניט קוקנדיק אויף דעם וואס נתגדל בבית פרעה און ער איז געווען פארטאן

- אין -

<u>הנחת הת׳ בלתי מוגה</u>



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"א א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 391 הודפס ע"י א

אין חכמת מצרים, אעפ"כ האט ער גלייך געוואוסט אז זיין מציאות און זיין ענין איז - זיך מוסר נפש זיין פאר א צווייטן אידן.

אט דיעם כח גיט משה רבינו צו אלע אידן, וואָרום משה רבינו איז געווען דער רע"מ, אז פון צווישן די שבעה רועים גופא איז משה רבינו געווען כללות כולם, במילא איז ער משפיע אין אלע אידן דעם כח אז גלייך ווען מ'גייט ארויס פון שבי' מבין העכו"ם און מ'באקומט א שייכות צו אידישקייט, זאל מען קענען זיך מוסר נפש זיין פאר אידישקייט (ביי זיך) אדער פאר א צווייטן אידן.

דערנאך האט מען א צווייטע הוראה: בשעת מ'זעט ניט קיין הצלחה אין דער ארבעט, און מ'זעט ניט קיין פירות פון דער הארוואניע, קען מען ביי זיך טראכטן אז מער דארף מען ניט טאן, און מ'קען זיך שוין אפשטעלן! - האט מען אויף דעם די צווייטע הוראה, אז בשעת משה רבינו האט געפרעגט ביי דעם אויבערשטן "למה הרעותה לעם הזה למה זה שלחתני", פארוואס האט מען עס געשיקט, ער האט גארניט אויפגעטאן, און ווי ער האט גע'טענה'ט "והצל לא הצלת את עמך", א און ווי מ'האט משה'ן געזאגט פריער "הבאשתם את ריחנו בעיני פרעה ובעיני עבדיו" - האט עם דער אויבערשטער געענטפערט "וארא אל אברהם אל יצחק ואל יעקב - חבל על דאבדין ולא משתכחין", אז מ'דארף ניט פרעגן קיין קשיא, און אפילו אז מ'זעט ניט קיין הצלחה און מ'זעט ניט קיין פירות, דארף מען זיך ניט אפשטעלן, נאר מ'דארף הארעווען ווייטער,

און סוכ"ס וועט עס פועל זיין, ווי עס איז געווען בא משה'ן אז ע"י וואס דער אויבערשטער האט עס אים געזאגט האט עס אויף אים גע'פועל'ט אז זיין עבודה איז אויך אזוי געווארן, ווארום דער אויבערשטער זאגט ניט מוסר לשם מוסר בעלמא, נאר כדי עס זאל פועל זיין - ווי מ'זעט דאס אין דעם פארקערטן אופן, אז מ'זאגט ניט קיין מוסר און קיין תוכחה צו אידן אויב דאס ברענגט פארקערטן הועלת, און ווי עס שטייט אין ישעי' (א, ה) "על מה תכו עוד תוסיפו סרה", אז עס קען ניט זיין "תכו" פון דעם אויבערשטן, סיידן דאס וועט פועל'ן אז עס זאל ניט זיין "תוסיפו רעה", און אויב דאס העלפט ניט, גיט מען דאס ניט; וואס דאס איז אפילו בנוגע וואס א נביא זאגט, עאכו"כ בשעה דער אויבערשטער זאגט א זאך; ובמילא דארף מען וויסן אז בשעה מ'וועט טאן ווי מ'דארף וועט ער זיכער מצליח זיין און דאס וועט זיכער זיין להועלת.

אע"פ ער קען טענה'ן אז ער איז ניט חיוב צו טאן דעם ענין, אזוי ווי משה רבינו האט גע'טענה'ט (שמות ג, יא. ובפרש"י שם) "מי אנכי - מה אני חיוב", - האט אים אבער דער אויבערשטער געענטפערט (שם ד, יב) "אנכי אהי' עם פיך", אז ניט ער גייט, נאר "אנכי אהי' עם פיך", ער גייט דאך בשליחות פון דעם אויבערשט'ן, ובמילא האט ער אלע כחות אז ער זאל קענען מצליח זיין.

ווי אזוי קומט דאס אן פון "אנכי" אין "פיך"? אויף דעם זאגט מען "וארא אל האבות", אז די אבות זיינען א ממוצע וואס דורך זיי קומען אן אלע כחות, אז וויבאלד זיי זיינען אבות, גייען איבער אלע כחות בירושה פון דעם אב אל הבן, במילא טוט ער ניט בכח עצמו נאר בכח פון די אבות, איז דאך א זיכערע זאך אז ער וועט מצליח זיין בעבודתו, ובמילא דארף ער פאר קיין זאך ניט נתפעל ווערן.

- דאס -

<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u>



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"א א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 392 הודפס ע"י

דאס איז די הוראה כללית, אז אפילו א תינוק שנשבה בין העכו"ם, צי כפשוטו, צי נסבה ביי דעם "אלקי הנכר אשר בקרבכם" (לשון הפסוק - יהושע כד, כג) וואס דאס איז דער יצר הרע, . ווי דאס איז מרומז אין גמרא (שבת קה, ב) און דער אלטער רבי איז דאס מבאר אין לקו"ת אין די דרושים פון שמע"צ - אויך פון עס מאנט מען אז ער זאל זיך מוסר נפש זיין פאר אידישקייט און פאר א צווייטן אידן.

פונקט ווי עס איז געווען ביי משה רבינו וואס נתגדל בבית פרעה, און ער איז געווען טבע רצון מזה, און טבע רצון בצדק ווארום ער איז ניט געלעגן אין געלעגן איז תאוות נאר ער איז געלעגן אין חכמה, אעפ"כ גלייך בשעת "ויצא אל אחיו", וויבאלד אז דאס איז א איד, איז "וירא בסבלותם" ביז ער האט זיך אויף דעם מוסר נפש געווען.

דאס גיט א כח צו אלעמען, אפילו דעם וואס נשבה ביי זיין יצר הרע, אדער נשבה בין העכו"ם, אז וויבאלד ער איז א איד און געבארן געווארן ביי אידישע עלטערן, [וואס דאס איז בדוגמת משה וואס איז געבארן געווארן בא עמרם און יוכבד], קען ער דערפון ארויסגיין און מוסר נפש זיין פאר אידישקייט.

און אפילו אז ביי עם קומט אויס אז ער טוט גארניט אויף: סיי ביי זיך זעט ער אז ער איז מושקע בטומאה, און ער דארף מיט זיך שטענדיק האדעווען און מתייגע זיין, און אפילו דאס העלפט אויך גארניט, ווארום אויף מארגן דארף ער נאכאמאל אנהייבן זיין עבודה פון דאס ניי, און אזוי אויך מיט א צווייטן טוט ער ניט אויף,

דארף ער זיך אבער ניט אפשטעלן, ווארום ער גייט ניט מיט זיינע אייגענע כחות, נאר ער האט די כחות וואס די אבות [וואס "אין קורין אבות אלא לשלשה" (ברכות טז, ב)] האבן מוריש געווען לבניהם, ווי דער אלטער רבי זאגט אין הניא (פט"ו ופי"ח) אז דאס איז די אהבה המסותרת וואס זי איז ירושה לנו מאבותינו, און "נכלל בה גם דחילו", וואס דאס זיינען די ענינים פון אברהם ויצחק, ועד"ז איז דא וואס יעקב גיט, ובמילא וויבאלד ער טוט זיין עבודה מיט אט די כחות, וועט ער זיכער מצליח זיין.

ואדרבא: ע"י וואס עס זיינען פריער דא די אלע העלמות והסתרים און ע"י עבודתו ברעכט ער זיי דורך, נעמט ער נאך העכער, און ווי ער זאגט דא אין תחלת פרשת וארא אז פריער איז געווען "ושמי הוי' לא נודעתי להם", און דערנאך איז געווען דער גילוי פון "אני הוי'", נאך העכער ווי פריער, וואס בכללות איז דאס וואס ס'שטייט (שמואל ב כד, כט) "כי אתה תאיר נרי והוי' יגיה חשכי", אז דורך דעם וואס עס איז דא דער חשך און מ'מאכט איבער פון דעם חשך ס'זאל ווערן אור, אז דער חשך אליין איז מגי', ד.ה. אז ער איז עובד עבודתו ניט נאר מיט זיין נפה"א נאר ער מאכט איבער אויך דעם נפה"ב, דאן איז ער ממשיך ע"ז דעם "והוי'" בתוס' וא"ו, וואס דאס איז נאך העכער ווי הוי' סתם.

ביי משה רבינו איז דאס געווען דורך א קשיא, אז דורך דעם וואס ער האט געפרעגט "למה הרעותה" האט ער דאס ממשיך געווען, אבער איצטער, לאחרי מ"ת, מוזן אלע ענינים וואס אידן זיינען ממשיך דורכגיין דורך תורה, במילא ע"י העבודה בלימוד התורה האט מען בכח דורכברעכן אלע העלמות והסתרים און ניט נתפעל ווערן פאר אלע נסיונות.

- און דורך -

<u>הנחת הת' בלהי מוגה</u>



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"א א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 393 הודפס ע"י א

און דורך דעם איז מען ממשיך דעם "אני הוי'", און דאס ברייננט די ד' לשונות של גאולה, "והוצאתי והצלתי וגאלתי ולקחתי", וואס זיי וועלן מקויים ווערן בשעת מ'וועט אויסגיין פון גלות בגאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו בקרוב ממש.

ג. אלע ענינים פון תורה ומצות דארפן זיין עפ"י דרך הטבע, וכידוע (לקו"ד ח"ד ע' 1504 ובכ"מ) דער סיפור מיטן אלטן רבי'ן בנוגע קידוש לבנה כמבואר וכמדובר כמה פעמים, (ונדפס כמה פעמים); וואס דאס איז דער ענין וואס מ'האט פריער גערעדט בנוגע "וארא אל האבות" אז עפ"י טבע איז אן אב מוריש לבנו אלע ענינים, במילא האט מען כחוה עפ"י טבע אויף טאן די עבודה פון תורה ומצות.

נאך מער ווערט דאס פארשטאנדיק פון דעם גאנצן המשך הפרשה: עס איז דא א גאנצע פרשה כדי צו מייחס זיין משה ואהרן, ווי רש"י (ו, יד) זאגט; אע"פ אז מ'ווייס שוין פון פ' שמות ווער זיינען געווען די עלטערן פון משה ואהרן ומריט אחותם, און אויך ווייטער אין פ' פינחס (כו, נט) איז ער מייחס משה ואהרן, אעפ"כ שטייט דא א גאנצע פרשה נאר אויף מייחס זיין משה ואהרן לאבותם, און דאס איז אזא דבר חשוב ביז אז צוליב דעם איז מען מייחס אויך די פריערדיקע שבטים ביז לוי, (אע"פ מ'איז ניט ניס מייחס די אנדערע שבטים וואס זיינען נאך לוי).

עס איז אבער ניט פארשטאנדיק: עס שטייט טאקע דא א יחוס וואס איז מוכרח בשביל לייחסם, עס איז אבער פאראן דא א יחוס וואס איז לכאורה איבעריק, ובהקדם: אין דעם יחוס פון אידן בכלל זיינען פאראן צוויי ענינים, דער יחוס מצד האב און דער יחוס מצד האם, אבער אין אלע ענינים, זייענדיק שוין א איד. איז מען מייחס דעם קינד אחרי האב, אזוי איז דאס בנוגע . א כהן, אז דאס גייט אחרי האב, בנוגע א לוי, און אזוי אויך בנוגע א ישראל, און אזוי איז דאס אויך בנוגע ענינים פון מלוכה ושררה ומעלה, אז דאס איז הולך אחרי האב (ראה רמב"ם הל' מלכים פ"א ה"ז), וואס דערפאר / גייט אבער מלוכה וכו' ניט צו דעם וואס זיין מאמע האט געהאט א שייכות צו מלוכה, נאר צו רעם וואס זיין טאטע האט געהאט א שייכות צו מלוכה, ווארום אין עניני מלוכה איז דאס הולך אחרי האב.

לפי"ז איז ניט פארשטאנדיק פארוואס אז ער דערציילט יחוס משה ואהרן אליעזר ופנחס רעכנט ער דא אויס אויך דעם יחוס מצד האם: ער דערציילט אז "ויקח עמרם את יוכבד דודתו לו לאשה" וואס זי איז געווען די מוטער פון משה ואהרן, און אזוי אויך "ויקח אהרן את אלישבע בת עמינדב אחות נחשון" וואס זי איז געווען די מוטער פון נדב ואביהוא אלעזר ואיתמר, און אזוי אויך "ויקח אלעזר מבנות פוטיאל לו לאשה", וואס זי איז געווען די מוטער פון פנחס'ן, ד.ה. אז דריי מאל, [וואס בג' פעמים הוי חזקה (ראה יבמות סד, ב)] רעכנט ער אויס אויך דעם יחוס מצד האם; ולכאורה פארוואס איז דא נוגע דער יחוס מצד האם?

איז דערפון פארשטאנדיק אז בשעת מ'דארף מייחס זיין א קינד, איז נוגע (ניט נאר וואס דער אב גיט עס, נאר עס איז אויך נוגע) דאס וואס די אם גיט, און דעריבער בשעת ער וויל מייחס זיין משה'ן דערציילט מען אז זיין מוטער איז געווען יוכבד, און אזוי אויך בנוגע אלעזר בנו של אהרן דערציילט מען ווער איז געווען זיין

- מוטער -



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"א א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 394 הודפס ע"י

מוטער, אלישבע בת עמינדב אחות נחשון, און אזוי אויך בנוגע פנחס בנו של אלעזר זאגט מען אויך ווער איז געווען זיין מוטער.

[און דאס אלץ איז נוגע אויך צו דעם יחוס פון משה רבינו (ניט נאר דער "ויקח עמרם את יוכבד דודתו" נאר אויך דאס וואס דער פסוק דערציילט וועגן די מוטער פון אלעזר און פון פנחס), ווארום סיי אלעזר און סיי פנחס האבן משלים געווען עניינו של משה רבינו, ווי מ'געפינט (מסות לא, כא, בפרש"י שם) אז בשעת ביי משה רבינו "נתעלמו הלכות גיעולי עכו"ם", האט דאס אלעזר הכהן געזאגט; און אזוי געפינט מען אויך (בלק כה, ו-ז, ובפרש"י שם) אז בשעת נתעלמה הלכה פון משה'ן אז "קנאים פוגעים בו" האט אים פנחס דערמאנט אויף דער הלכה, און ער האט דערנאך געטאן דעם ענין בשליחותו של משה וואס ער האט אים געזאגט "קריינא דאיגרתא איהו ליהוי פרוונקא", (וואס דערפאר "הנני נותן לו את בריתי שלום"); און וויבאלד אז סיי אלעזר הכהן און סיי פנחס האבן משלים געווען מיה רבינו, איז דאך פארשטאנדיק אז דאס וואס מ'רעכנט דעם יחוס מצד האט פון אלעזר'ן און פון פנחס, איז דאס נוגע צו דעם יחוס פון משה רבינו].

דאס איז אויך א הוראה און א לימוד פאר נשי ובנות ישראל, אז אע"פ וואס "איש דרכו לכבוש ואין אשה דרכה לכבוש" (יבמות סה, ב. פרש"י בראשית א, כח), וואס דערפאר דארפן טאקע בפועל די אנשים כובש זיין, אבער ווער פועל'ט אז ביי די אנשים זאל קענען זיין דער לכבוש, איז דאס הלוי אין די נשים; די מוטער דארף אריינגעבן אין דעם קינד דעם כח אויף דעם, און דוקא דורך דעם ענין וואס די מוטער גיט, קען דערנאך זיין "הוא אהרן ומשה וגו' הם המדברים אל פרעה מלך מצרים להוציא את בנ"י ממצרים".

נאך א זאך איז אבער ניט פארשטאנדיק: מילא דאס וואס מ'איז מייחס משה רבינו אחרי האט איז פארשטאנדיק, כנ"ל, ווייל ס'איז א אויך נוגע, וואס דערפאר איז מען אים מייחס נאך יוכבד וואס זי איז געווען "בת לוי אחות קהת", וואס דאס איז א געוואלדיקע מעלה (ראה לקו"ש השבועי לפ' וארא (תשל"א)), אזוי אויך דאס וואס מ'איז מייחס אלעזר'ן אחרי האט איז מובן, ווארום דאס וואס זי איז געווען בת עמינדב און אחות נחשון איז א געוואלדיקע מעלה און אן אמת'ער יחוס, אבער דאס וואס מ'איז מייחס פנחס'ן אהרי אמו איז ניט פארשטאנדיק: מ'זאגט אז זי איז געווען "מבנות פוטיאל", וואס אין "פוטיאל" זיינען פאראן צוויי פירושים (ב"ב קט, ב): "מיוסף שפטפט ביצרו" און "מיהרו שפטם עגלים לע"ד", איז מילא דאס וואס מ'זאגט "מיוסף שפטפט ביצרו" איז דאס א מעלה, ובמילא איז פארשטאנדיק דער יחוס, אבער דאס וואס מ'זאגט "מיהרו שפטם עגלים (לעכו"ם) לע"ז", וואס איז דא דער יחוס?

און מ'זאגט ניט אז ער הייסט פוטיאל מצד אן ענין וואס ער האט געטאן נאך דעם וואס ער האט תשובה געטאן, נאר ער הייסט פוטיאל ע"ש "שפיטם עגלים לע"ז"; און דאס איז אויך ניט ע"ש וואס פיטם עגלים להיפך פון ע"ז, [ע"ד ווי די גמרא אין מנחות (מד, א) זאגט "אותן מצעות שהציעה לו באיסור הציעה לו בהיתר"], נאר מ'זאגט בפירוש אז דאס איז ע"ש "שפיטם עגלים לע"ז", איז וואס איז דער יחוס אין דעם?

נאך מער: אויך רש"י בפירושו ברייננגט ביידע דעות, ולכאורה וויבאלד רש"י איז פאר א בן חמש למקרא, און ער ברייננגט נאר וואס

- איז מובן -

הנחת הת' בלתי מוגה



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"א א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 395 הודפס ע"י א

איז מובן בפשוטו על מקרא, האט רש"י נאר געדארפט ברייינגען "מזרע יוסף שפטפט ביצרו", ווייל אין פשטות היות ער וויל ארוים ברייינגען דעם יחום דארף ער ברייינגען נאר דאס וואס ווייזט אויף יחוס – ולפועל ניט נאר וואס רש"י ברייינגט אויך דעם ענין "מזרע יהרו שפיטם עגלים לע"ז" נאר ער ברייינגט דאס אלס דעם ערשטן ענין, און ערשט דערנאך "מזרע יוסף שפספט ביצרו"?

נאר פון דעם האט מען ארוים א הוראה, אז אפילו מיט א אידן וואס שטייט אין א מעמד ומצב פון "פיטם עגלים לע"ז" דארף מען אויך האבן צו טאן, און דוקא באופן כזה קען מען דערנאך קומען צו דעם "להוציא את בנ"י מארץ מצרים". און מ׳זאל ניט טענה׳ן אז ער וויל האבן צו טאן נאר מיט א איד וואס איז אין דער דרגא פון א צדיק, אבער מיט דעם וואס האלט ביי א דרגא למטה מזה וויל ער ניט האבן צו טאן – נאר עס דארף אנשטיין האבן צו טאן אפילו מיט א איד וואס שטייט אין א פארקערטן מעמד ומצב, און מ׳דארף ניט ווארטן ביז ער וועט קומען צו דיר, נאר מ׳דארף גיין צו עס און ברייינגען עס נענטער צו תורה ומצות.

וואס דאס איז דער ענין פון "ואהבת לרעך כמוך" (קדושים יט, יח), און פון "אוהב את הבריות ומקרבן לתורה" (אבות פ"א מי"ב) מ׳דארף טאקע באווארנען אז דאס זאל ניט זיין אין אן אופן וואס מ׳איז מקרב אזן מ׳דערנידערט די תורה צו זיי, נאר מ׳דארף זיי מקרב זיין צו תורה, אז מ׳האט צו טאן אויך מיט די וואס ווערן אנגערופן בשם "בריות בעלמא", ווי דער אלטער רבי איז מבאר אין תניא (פל"ב) אז דאס מיינט צו זאגן אפילו די וואס האבן ניט קיין שום מעלה, בלויז דאס וואס דער אויבערשטער האט זיי באשאפן, ד.ה. אז ער האט אפילו ניט די מעלה וואס ער איז א בן אברהם יצחק ויעקב, וואס דאס איז א געוואלדיקע מעלה – "ובנו בחרת", נאר דאס וואס דער אויבערשטער האט אים באשאפן – איז אפילו בנוגע אזא זאגט מען "אוהב את הבריות ומקרבן לתורה", אז מ׳דארף זיי מקרב זיין לתורה.

וכידוע דער סיפור פון כ"ק מו"ח אדמו"ר וואס זיין פאטער דער רבי נ"ע האט עם געזאגט וועגן דעם דין (ברכות לג, א) אז "כל מי שאין בו דעה אסור לרחם עליו": קוק זיך צו (און ער האט אים אנגערופן ביים נאמען) וואס פאר א רחמנות עס איז אויף עס, און וויפל מ׳דארף אויף אים רחמנות האבן, אז הורה זאגט שוין "אסור לרחם עליו"!

דאס זעט מען אויך פון דער פרשה, אז מ׳דארף האבן צו טאן אפילו מיט׳א אידן וואס שטייט אין א מעמד ומצב פון "פטם עגלים לע"ז", און ניט מ׳זאל ווארטן ביז ער זאל תשובה טאן און ערשט דעמאלט האבן צו טאן מיט עם, נאר ווי ער געפינט זיך און אט דעם מעמד ומצב דארף אנשטיין האבן צו טאן מיט עם און עם מקרב זיין צו תורה ומצות.

דאס איז די הוראה לכל אחד ואחד, אז בשעת מ׳וויל פועל׳ן דעם "להוציא את בנ"י מארץ מצרים", אז מ׳זאל ארויסגיין פון גלות, דארף זיין די עבודה באופן כזה דוקא: האבן צו טאן און מקרב זיין אויך אט די אידן וואס האבן א שייכות צו "פטם עגלים לע"ז", וואס דורך דעם קען מען פועל׳ן אז אפילו די אידן וואס געפינען זיך שוין צוויי הונדערט און צען יאר אין מצרים "ערות הארץ", זאלן זיי אויך קענען ארויסגיין פון מצרים.

הנחת הת׳ בלתי מוגה

- ובאמור -



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"א א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 396 הודפס ע"י

וכאמור, האט מען דעם כח אויף דעם פון די אבות וואס זיי גיבן איבער די כחות בירושה לבניהם, און ניט נאר איז נוגע דער יחוס מצד האב, נאר אויך דער יחוס מצד האם, וואס דערפאר איז ער מפסיק מיט א גאנצע פרשה לייחס משה ואהרן דוקא דא אין פרשת וארא, ווארום אין פ' וארא הייבט זיך שוין אן ריידן וועגן דער גאולה בפועל, ווארום די גאולה האט זיך דאך אנגעהויבן מיט די אותות ומופתים, און דאס ווערט דערציילט אין פ' וארא; פריער אין פ' שמות ווערט ניט דערציילט וועגן קיין אותות ומופתים בפועל, עס ווערט בלויז דערציילט אז מ'האט אנגעזאגט מ'זאל מאכן די אותות ומופתים; ואדרבא: פ' שמות ווערט נסתיים מיטן קושי הגלות ביותר ביז אז משה רבינו האט געפרעגט "למה הרעותה לעם הזה" ווייל עס איז געווען "הרע לעם הזה והצל לא הצלת את עמך"; משא"כ בפ' וארא הייבט זיך שוין אן דערציילן וועגן דער גאולה מיט דעם וואס עס זיינען געווען די אותות ומופתים בפועל און ס'איז געווען בטלה השעבוד, וואס אויף דעם דארף מען האבן גרעסערע כחות און דעריבער זאגט ער דא א גאנצע פרשה לייחס משה ואהרן.

(חסר קצת) וע"י די ענינים וואס די אם גייט דעם קינד, שטעלט ער זיך אוועק אין א מעמד ומצב וואס "הם המדברים אל פרעה מלך מצרים" - און ער זאגט דעם לשון "מדברים", אז ער רעדט א לשון קשה אנטקעגן דער גאנצער וועלט, און ער ווערט ניט נתפעל פאר קיין זאך, וואס דאס פועל'ט אויף דעם צווייטן ענין, "הוא אהרן ומשה וגו' הוציאו את בנ"י מארץ מצרים", אז מ'שטעלט אויף די צבאות הוי' וואס וועלן ארויסגיין בקרוב לקבל פני משיח צדקנו, בגאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו, למטה מעשרה טפחים.

ד. מאמר כעין שיחה עה"פ וידבר אלקים אל משה גו' וארא וגו'.

ה. מ'איז רגיל לערנען א פירוש רש"י. אין היינטיקע סדרה, אין קאפיטל ו' פסוק ט', לאחר וואס רש"י איז מפרש אלע פסוקים בדרך הפשט, הייבט ער אן מפרש זיין נאכאמאל די אלע פסוקים מתחלת הפרשה לויט ווי "רבותינו דרשוהו" - אז אם די פרשה קומט בהמשך "לענין של מעלה, האמר משה למה הרעותה, אמר לו הקב"ה חבל על דאבדין ולא משתכחין וכו' [ביי די אבות איז געווען "וארא אל אברהם אל יצחק ואל יעקב בא-ל שדי ושמי הוי' לא נודעתי להם":] הרבה פעמים נגליתי אליהם בא-ל שדי ולא אמרו לי מה שמך ואתה אמרה מה שמו מה אומר אליהם [און אזוי אויך דער צווייטער ענין:] וגם הקימותי וגו' - כשבקש אברהם לקבור את שרה לא מצא קבר עד שקנה [די מערת המכפלה] בדמים מרובים, וכן ביצחק ערערו עליו על הבארות אשר חפר, וכן ביעקב ויקן את חלקת השדה לנטות אהלו, ולא הרהרו אחרי מדותי [ניט קוקנדיק אויף דעם וואס איך האב זיי מבטיח געווען אז איך וועל זיי געבן א"י] ואתה אמרת למה הרעותה".

דערנאך זאגט רש"י: "ואין המדרש מתיישב אחר המקרא [מ'קען ניט לערנען אט דעם פירוש אין פשוטו של מקרא] מפני כמה דברים, אחת שלא נאמר ושמי הוי' לא שאלו לי [נאר ושמי הוי' לא נודעתי להם] וכו' ועוד האיך הסמיכה נמשכת בדברים שהוא סומך לכאן וגם אני שמעתי וגו' לכן אמור לבני ישראל. לכך אני אומר יתישב המקרא על פשוטו דבר דבר על אופניו [אז מ'דארף מפרש זיין לויט פשוטו של מקרא] והדרשה תדרש, שנאמר (ירמי' כג, כט) הלא כה דברי כאש נאם ה'

- וכפטיש -

הנחת הת' בלתי מוגה



הדפסה ברזולוציה מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"א א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 397 הודפס ע"י